View in browser
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe

קניידל
טעגליכע פּאָרציע נייעס.

מיטוואך ראה - כ״ז אב תשפ״ה | קניידל #482

קניידל אבזערוואציעס

נאך רעפובליקאנער שטאטן שיקן נאציאנאלע גארד טרופן צו וואשינגטאן די.סי.

וואשינגטאן - נאך א צאל רעפובליקאנער גאווערנארן האבן זיך אנגעשלאסן אין די איניציאטיוו פון פרעזידענט טראמפ צו באקעמפן די הויכע פארברעכנס ראטע אין וואשינגטאן די.סי. און האבן געמאלדן אז זיי וועלן שיקן הונדערטע נאציאנאלע גארד טרופן צום לאנד'ס הויפטשטאט.

די רעפובליקאנער גאווערנארן פון מיסיסיפי, לואיזיאנע און טענעסי וועלן שיקן פרישע טרופן קיין וואשינגטאן, עטליכע טעג נאך וואס די רעפובליקאנער גאווערנארן פון וועסט ווירדזשיניע, דרום קעראליינע און אהייא האבן געטון דאס זעלבע.

די יוסטיץ דעפארטמענט האט אונטערגענומען אן אויספארשונג טאמער די שטאט האט מאניפולירט אירע סטאטיסטיקס צו מאכן די פארברעכנס ראטעס אויסזען נידריגער, האט די וואשינגטאן פאוסט באריכטעט.

טראמפ זאגט פוטין וועט מעגליך נישט ווילן דערגרייכן אן אפמאך



וואשינגטאן - פרעזידענט טראמפ האט נעכטן געזאגט אז ער האפט אז דער רוסישער פרעזידענט פוטין וועט פאראויסגיין מיט אן אפמאך צו ענדיגן דעם קריג אין אוקראינע, אבער האט צוגעגעבן אז פוטין וועט מעגליך נישט ווילן דערגרייכן אן אפמאך.

אין אן אינטערוויו מיט פאקס ניוז, האט טראמפ געזאגט אז ער גלויבט אז פוטין'ס צוגאנג וועט ווערן אויסגעקלארט אין די קומענדיגע וואכן, אבער מען קען נישט וויסן. טראמפ האט אויך אויסגעשלאסן די געדאנק צו שיקן אמעריקאנער טרופן קיין אוקראינע אלס א חלק פון א זיכערהייט גאראנטי.

באזונדער ווערט באריכטעט אז אייראפעאישע לענדער באטראכטן צו שטעלן פרישע סאנקציעס צו העכערן דרוק אויף רוסלאנד צו דערגרייכן אן אפמאך.

מיליטערישער וועטעראן מעלדט קאמפיין קעגן סענאטאר סוזן קאלינס אין מעין

מעין - דער אמעריקאנער מיליטערישער וועטעראן און דעמאקראטישע אקטיוויסט, גרעהעם פלאטנער, האט געמאלדן זיין קאנדידאטורשאפט אין די שטאט'ס סענאט פארמעסט צו באזייטיגן די רעפובליקאנער סענאטארשע סוזן קאלינס.

רעפובליקאנער פארמאגן אצינד א 53-47 סענאט מערהייט, און וועלן ביים מידטורים וואלן דארפן אנהאלטן בלויז צוויי זיצן וואס ווערן באטראכט אלס וואקלדיג - מעין און צפון קעראליינע.

דאס באדייט אז דעמאקראטן וועלן דארפן אנהאלטן אלע זייערע זיצן און אויך געווינען אין טיפערע רעפובליקאנער שטאטן, ווי אהייא און אייאווע, צו באקומען א מאיאריטעט.

קניידל ביסן

מעקסיקא - די מעקסיקאנער פרעזידענט פרוי שיינבום האט געזאגט אז איר רעגירונג האט נישט קיין אפמאך מיט די אמעריקאנער דראג אינפארסירונג אדמיניסטראציע איבער אן אפעראציע באקאנט אלס "פראיעקט פארטערא", א טאג נאך וואס די די.אי.עי. האט געמאלדן אז זי האט אונטערגענומען דעם פראיעקט צוזאמען מיט מעקסיקא צו באקעמפן דראג שמוגלער קארידארן.

מדנ"י - פרעמיער מיניסטער נתניהו האט נעכטן שארף ארונטערגעריסן דער אויסטראלישער פרעמיער מיניסטער אנטאני אלבאנעזע, זאגנדיג אז ער האט פארלאזט אויסטראליע'ס אידישע געמיינדע און פאראטן מדנ"י. דאס קומט נאך וואס אויסטראליע האט אפגעזאגט די וויזע פון א מדנ"י געזעץ-געבער און האט באשלאסן צו אנערקענען א פאלעסטינער שטאט.

טערקיי - דער פארטיידיגונגס מיניסטער פון יאפאן, דזשען נאקאטאני, האט באזוכט טערקיי, וואו ער האט זיך געטראפן מיט רעגירונגס באאמטע פאר געשפרעכן צו פארבעסערן פארטיידיגונגס קאאפעראציע צווישן די צוויי לענדער. נאקאטאני איז ערווארטעט צו באזוכן וואפן פאבריקן אין טערקיי, און מעגליך שליסן א ברייטערע וואפן אפמאך.

שווייץ - דער אויסערן מיניסטער פון שווייץ, איגנאזיא קאסיס, האט געזאגט אז דער רוסישער פרעזידענט פוטין איז געלאדנט צו קומען קיין שווייץ פאר שלום געשפרעכן מיט אוקראינע, טראץ אן ארעסט פארלאנג קעגן פוטין דורך די אינטערנאציאנאלע קרימינאלע געריכט. דאס קומט נאך וואס דער פראנצויזישער פרעזידענט מאקרון האט געזאגט אז שווייץ איז א פאסיגער ארט פאר א זיצונג צווישן פוטין און זאלענסקי.

מדנ"י - די איי.די.עף. האט געמאלדן אז זי האט עלימינירט קאמאל סאלעם נאדשאר, א כאמאס טעראריסט וואס איז געווען פארמישט אין די פארכאפונג פון ירדן ביבס אין קיבוץ ניר עוז ביים שרעקליכן אקטאבער זיבן אטאקע. ירדן ביבס איז באפרייט געווארן פון געפענגעניש אין א משכונות אפמאך מיט מדנ"י. זיין פרוי און צוויי קינדער זענען ערמארדעט געווארן אין געפענגעניש.

פינאנציעלע קניידל

האום דיפאו סטאק שטייגט טראץ וואס די פירמע האט פארפאסט פארדינסטן ערווארטונגען



שעירס אין האום דיפאו זענען געשטיגן מיט 4% נאך וואס די פירמע האט ארויסגעשטעלט איר פארדינסט באריכט, טראץ וואס רעוועניו און פארדינסטן זענען אריינגעקומען עטוואס שוואכער ווי וואל סטריט האט ערווארטעט.

די פירמע האט זיך אבער נאך אלס געהאלטן צו איר פריערדיגע פארשאצונג פארן יאר און פארבליבן מיטן ערווארטונג אז סעילס וועלן שטייגן 2.8% דאס יאר. די פירמע האט געמאלדן פארדינסטן פארן קווארטל פון $4.55 ביליאן אויף א רעוועניו פון $45 ביליאן.

די באריכט איז האום דיפאו'ס ערשטע זינט מאי 2014 צו פארפאסן סיי רעוועניו און סיי פארדינסטן ערווארטונגען.

אינטעל סטאק איז געשטיגן נאך וואס די אינוועסטירונג באנק סאפטבאנק איז איינגעגאנגען צו איינקויפן $2 ביליאן אין די פירמע פאר $23 א שעיר. די טראמפ אדמיניסטראציע איז אין געשפרעכן צו קריגן א 10% שותפות אין די פירמע, אין אויסטויש פאר $11 ביליאן אין פעדעראלע געלטער פון די 'טשיפס' אקט.



די ריטעיל ריז 'בעסט-ביי' האט געגרינדעט א נייע אנליין אפטיילונג ווי אנדערע געשעפטן וועלן קענען פארקויפן זייערע פראדוקטן, ענדליך צו וואלמארט. די וועבזייטל וואס וועט זיך אנהייבן מיט 500 פארקויפער, איז געצילט צו פארברייטערן אויסוואל, פארמערן פארדינסטן און דינען אלס אן אדווערטייזינג פלאטפארמע.

געזונטע קניידל

קאנאדע באשטעטיגט אזעמפיק צו רעדוצירן ריזיקע פון כראנישע ניר קרענק

קאנאדע האט באשטעטיגט נאווא נארדיסק'ס דייעביטיס און וואג-פארלוסט מעדיצין, אזעמפיק, צו רעדוצירן דעם ריזיקע פון א כראנישע ניר קרענק וואס איז פאפולער אין פאציענטן מיט טייפ-2 דייעביטיס, האט די פירמע געמאלדן.

נאווא האט געזאגט אז די באשטעטיגונג פון קאנאדע איז געקומען נאך שפעטע-שטאפל שטודיעס וואס האבן געוויזן אז א 1 מיליגראם דאזע פון אזעמפיק האט רעדוצירט דעם ריזיקע פון די קרענק מיט 24%.

סי.עס.על. וועט אפטיילן איר וואקסין ביזנעס, רעדוצירן ארבעטס-קראפט

די אויסטראלישער מעדיצין פאבריקאנט סי.עס.על. האט געמאלדן אז זי וועט אפטיילן איר וואקסין ביזנעס, סעקירוס, אלס א זעלבסטשטענדיגע פירמע און זי וועט שניידן ביז 3,000 ארבעטער, אלס א טייל פון א ברייטערע פלאן צו שניידן אויסגאבן.

דאס קומט נישט לאנג נאך וואס דער אמעריקאנער געזונטהייט סעקרעטאר, ראבערט עף. קענעדי, האט אפגעהאלטן $500 מיליאן קאנטראקטן דורך די אמעריקאנער רעגירונג, אריינגערעכנט א קאנטראקט מיט סעקירוס.

לאקאלע קניידל

ניו דזשערזי באאמטע ווארענען איבער הויכע כוואליעס ביים ברעג צוליב האריקעין ערין

ניו דזשערזי - באאמטע אין ניו דזשערזי האבן ארויסגעשטעלט א ווארענונג איבער הויכע כוואליעס ביים וואסער ברעג אין די קומענדיגע טעג צוליב האריקעין ערין וואס האט זיך פארמירט אין די אטלאנטיק אקעאן.

די שטאט האט פארבאטן שווימען און אנדערע אקטיוויטעטן ביים 'אינזל ביטש סטעיט פארק' ביז א ווייטערדיגע מעלדונג. אזוי אויך זענען וואוקגעשטעלט געווארן שילדן נעבן די וואסער ברעגעס אין ארומיגע געגנטער - אריינגערעכנט בעלמאר און בעי העד וואס ווייזן אז שווימען איז נישט ערלויבט.

געזונטהייט באאמטע פארשן זעלטענע פאל פון מאלאריע אין ניו דזשערזי

ניו דזשערזי - געזונטהייט באאמטע אין ניו דזשערזי פארשן א זעלטענע פאל פון מאלאריע, א שרעקליכע קרענק וואס ווערט פארשפרייט דורך מאסקיטאס, און האט אנגעשטעקט א מאן אין מאריס קאונטי.

דער מאן האט נישט גערייזט קיין אויסלאנד די לעצטע צייט, עפעס וואס באזארגט באאמטע צוליב וואס די קרענק האט זיך שוין נישט פארשפרייט אין אמעריקע פאר לאנגע יארן, נאר האט בלויז אנגעשטעקט מענטשן וואס האבן געררייזט קיין אויסלאנד.

אידישע קניידל

אנטי-מדנ"י אקטיוויסט ארעסטירט אין באסטאן פאר העסליכע וואנדאליזם

פעדעראלע און שטאטישע געזעץ אינפארסירער האבן ארעסטירט א 25-יעריגער מאן פון באסטאן, מעסאטשוסעטס, נאך וואס ער האט וואנדאליזירט פילע בארימטע עפנטליכע ערטער אין די שטאט, אריינגערעכנט די מעסאטשוסעטס סטעיט הויז.

דזשערמאיא סאקאוועד, 25, האט דורכגעפירט די וואנדאליזם אין נאמען פון די 'דירעקט עקשאן באוועגונג פאר פאלעסטינער באפרייאונג' (DAMPL), אן אנטי-מדנ"י באוועגונג וואס רופט צו דורכפירן וואנדאליזם קעגן מדנ"י און פארשפרייט אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע.

אויסער די וואנדאליזם האט סאקאוועד אין די לעצטע צייט פארשפרייט אנטיסעמיטישע און אנטי-מדנ"י האס מעסעדזשעס אויף סאציאלע מידיע, און ווערט געהאלטן אויף $30,000 בעיל.

ביליאנער דניאל לאעב וועט ווערן פארזיצער פון מוזעאום פון אידישע הערידעדזש

דער אידישער ביליאנער אינוועסטירער דניאל לאעב, איז באשטימט געווארן אלס פארזיצער פונעם באורד און טראסטיס פון די 'מוזעאום פון אידישע הערידעדזש'. ער וועט איבערנעמען דעם אמט פון ברוס ראטנער, וועלכער האט געהאלטן דעם ראלע זינט 2014.

לאעב איז ברייט באקאנט איבער זיין שטיצע פאר אידישע צוועקן, איבערהויפט אין חינוך, מיט ביישטייערונגען פאר חב"ד צענטערן, איחוד הצלה און אלף אינסטיטוציע, ביז ישיבה אוניווערסיטעט און די 'הלל' פאונדעישאן וואס שטעלט צו כשר'ס און אנדערע אידישע געברויכן ארום אוניווערסיטעטן.

שידוכים קניידל

החתן **יצחק אייזיק** נ"י בן מו"ה **מאיר איתמר רויזנבוים** שליט"א (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **משה פאנעט** שליט"א (לעיקוואוד)
שדכן מו"ה **פנחס יעקב מיללער** הי"ו (ב"פ)

החתן **שמואל** נ"י בן מו"ה **חיים אלי' שטערן** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **יואל בנציון ווייס** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **מנחם מענדל פעלדמאן** הי"ו (ב"פ)

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe